עִקַּר הָרוּחַ־חַיִּים מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק (תורה ח)

קונטרס

# רוחא דחיי

שיחות ומאמרים
ע"פ משנתו של
רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

מאת

הרה"ח ר' חיים בנימין ווערטהיימער ז"ל

קונטרס ט"ו

"שמחתם של ישראל"

# תוכן השיחה

די שמחה מיט די מתנות פון "ירח האיתנים"

שמחת תורה ביים בעש"ט און ביים רבי'ן

דער דרך הבעל שם טוב

"דֶערְמַאנְט אַייךְ, וְוי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעפּוּנֶען.."

שמחת התורה – פאר יעדן איד!

"וְשָׁאַל אוֹתִי אִם הָיִיתִי שָׂמֵחַ בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה.."

"דיבור בדעה"

"איך קען אויך טאנצן ביחידות!"

מחול וריקוד הרגלין ותיקוניו הנוראים

האסט שוין געטאנצט היינט?

הערות והארות ניתן להשאיר ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.3.02.47.43 שלוחה 0

© כל הזכויות שמורות

כדי לקחת זכות והשתתפות בהוצאת הקונטרסים ניתן לפנות

בירושלים 05331.93747 בבי"ש 05341.52325

לתרומה ממוחשבת בכרטיס אשראי ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.3.02.47.43 שלוחה 9>1

ניתן להאזין לשיעור ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.3.02.47.43 שלוחה 2>15

גרפיקה ועימוד: י. גרוס 0527644765

חלק מעריכת הקונטרס נתנדב
לע"נ האשה החשובה מרת
שרה העניא ביבלחט"א ר'
שלום אליעזר
נתרם ע"י המשפחה
ת,נ,צ,ב,ה

חלק מהוצאות הקונטרס
נתנדב
ע"י ר' נתן דרדיק שליט"א
לרגל הולדת בתו למז"ט
ובזכות מצוות זיכוי הרבים
יזכו לרוות רוב נחת
דקדושה מכיוצ"ח

חלק מהוצאות הקונטרס
נתנדב
לזכות
ר' שלמה יעקב לויפער
שליט"א
ולרפואת נוחם בן ערל

# ״שמחתם של ישראל״

## נפלאות נוראות השמחה בימי שמחת תורה ושמ״ע

### והשמחה בשמחת יהדותנו כל ימי חיינו

[חכורת האברכים – ממחרת איסרו חג סוכות תשפ״ב]

## די שמחה מיט די מתנות פון ״ירח האיתנים״

[א]מיר רעדן איצטער וועגן דעם אז דער גאנצער ״ירח האיתנים״ איז א מתנה פאר א גאנץ יאר. דער רבי זאגט אז ווער עס איז געוועט ביי מיר ראש השנה דארף זיין פריילאך א גאנץ יאר[ב] - ווייל דער יאר איז א אנדער יאר נאך דעם ראש השנה, ווייל באמת דער ראש השנה איז א מתנת שמים. וואס איז די מתנת שמים - מתנת שמים איז אז מען פאר שרייבט אונז ״בספרן של צדיקים״, מען איז אונז מזכה באמת אז דער יאר זאל זיין א גוטער יאר.

---

**א. הערת המערכת:** מחמת קוצר הזמן של ״ירח האיתנים״ המלא במצוות והכנותיהם ב״ה, לא הספקנו לערוך את השיעור כדבעי בעריכה והגהה משובחת וכן לא הוספנו כמעט מ״מ והרחבות בשולי הגליון, לכן יתכן שימצאו בשיעור הנוכחי שגיאות ודברים שאינם מבוררים כל צרכם וכיוצ״ב, ואיתנו תלין המשוגה. (כמו״כ השמטנו כמה קטעים מהשיעור שאינם מענין שמחת תורה, ובמקום שהעדרם מפריע להבנת רצף השיעור ציינו בכוכבית*).

**ב.** חיי מוהר״ן ת״ג ועל״ת מכתב ר״נ.

יעצט, באמת מ'גייט עסן די תוצאות [פון די מתנה] - א גאנץ יאר, אלעס וואס מיר פארמאגן א גאנץ יאר, איז תוצאות פון דעם, באמת תוצאות פון דעם. אבער ווען דער מענטש איז פריילאך, ער פריידט זיך מיט דעם, איז ער טאקע א כלי צו עס מקבל זיין - אבער אז ער פריידט זיך נישט.. מ'וואלט אים געגעבן אסאך מער, אבער ער באקומט אסאך וויניגער, ווייל ער ניצט דאס נישט. **דער עיקר ניצן, איז די שמחה.**

ביים רבי'ן איז דאס געווען א גרויסער יסוד, ס'דא א תורה פון רבי'ן **תורה מ"ד** אין צווייטן חלק - ער רעדט דארטן וועגן חומרות [יתירות], זאגט ער דארטן[ג] אז די מענטשן וואס די חומרות איז גורם אז זיי זענען בעצבות, זענען זיי נישט מקיים דעם "**וָחַי בָּהֶם**". דער עיקר מצות איז געגעבן געווארן מ'זאל האבן חיות פון דעם.

א מענטש אָן שמחה איז א טויטע זאך, אידישקייט אן שמחה איז א טויטע אידישקייט ח"ו. **דער עיקר חילוק צווישן אלע מדריגות אין קיום התורה והמצוות, איז מיט וויפל שמחה דאס איז!**

מ'איז געווען ביים צדיק ראש השנה, מ'האט באקומען א גאנצן ראש השנה, מיט א גאנצן תשרי.. מ'האט באקומען, מ'האט באקומען! האט מען באקומען - ס'איז געשריבן בספרן של צדיקים אמיתיים, מ'האט אונז פארשריבן צו זיין מיט די צדיקים, צו זיין בחלק הצדיקים און אז מיר זאלן אליין זיין צדיקים.

---

**ג.** וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם דְּהַיְנוּ מַה שֶּׁחוֹשֵׁב וְחוֹקֵר וּמְדַקְדֵּק בְּיוֹתֵר, אִם הוּא יוֹצֵא כָּרָאוּי בַּמֶּה שֶּׁעוֹשֶׂה כִּי בָּשָׂר וָדָם אִי אֶפְשָׁר לוֹ שֶׁיֵּצֵא יְדֵי חוֹבָתוֹ בִּשְׁלֵמוּת וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא וְכוּ (עֲבוֹדָה זָרָה ג) וְלֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת (קִדּוּשִׁין נד) **וְעַל אֵלּוּ הַמְדַקְדְּקִים וּמַחְמִירִים בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר (וַיִּקְרָא י"ח, ה) : "וָחַי בָּהֶם", וְלֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם, (יוֹמָא פה:) כִּי אֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת כְּלָל וְתָמִיד הֵם בְּמָרָה שְׁחֹרָה מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵינָם יוֹצְאִים יְדֵי חוֹבָתָם בְּהַמִּצְווֹת שֶׁעוֹשִׂין וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת מִשּׁוּם מִצְוָה מֵחֲמַת הַדִּקְדּוּקִים וְהַמָּרָה שְׁחוֹרוֹת שֶׁלָּהֶם** [וְהוּא בְּעַצְמוֹ אֵינוֹ מַחְמִיר שׁוּם חֻמְרָא כְּלָל]. (וראה גם בשיהר"ן רל"ה ובליקו"ה גיטין ג, יט ובחיי"מ תקמ"ז ותקנ"ב).

איז למאי נפקא מינה? איז פריי זיך! ביסט טאקע א צדיק. ביסט א צדיק; טוסט אן תפילין ביסטו א צדיק! טוסט אן ציצית ביסטו א צדיק! - פריי זיך מיט דעם.

זאגט נישט: עה.. ציצית, נע... תפילין, נע... געדאוונט נע... - האסט אנגעטאן ציצית, האסט אנגיטאן תפילין האסט געדאוונט! אזוי ווי ס'איז - ס'איז גרויס! ס'איז זייער גרויס!

אבער מ'ווארפט זיך. מ'ווארפט זיך מיט די גרעסטע זאכן.. מ'ווארפט זיך מיט דעם.

מיט די שמחה פון ראש השנה אליין, דער רבי האט געזאגט[ד]: "**יא געדאווגט נישט געדאווגט** {בכוונה כראוי}, **אבי זיין ביי מיר**", נאר זיין ביים רבי'ן, נאר זיין ביים רבי'ן! דער כח הצדיק - ס'איז א כח, אזא כח עצום!

ס'איז מְהַפֵּך אלעס אלעס, "**זדונות נתהפכין לזכויות**", אלעס ווערט נתהפך ביים צדיק. די זעלבע מצוה, דער וואס איז מקושר צום צדיק, זיין קלענסטע מצוה וואס ער טוט איז טויזנטער מאל מער. אסאך מער ווי טויזנטער מאל - איך זאג נאר לשׂבר את האוזן – ס'איז אסאך מער ווי טויזנטער מאל, ווי אָן התקשרות צום צדיק. ס'קוקט [טאקע] אויס די זעלבע זאך, אבער ס'איז א אנדער מעשה אינגאנצן, ס'איז "פָּרֶה וְרָבֶה".

"**אִם תְּבַקְשֶׁנָּה כַכָּסֶף וְכַמַּטְמוֹנִים.. אָז תָּבִין יִרְאַת ה'**". אידישקייט איז א געשעפט, ס'איז מסחר. ס'איז אזוי ווי א מענטש שטייט און ארבעט שווער מבוקר ועד ערב און מאכט אפאר גרייצער, און א צווייטער געבט א רוק מסחרים און ס'איז 'כסף תועפות לך', ס'פליט די געלט; 'פרנסתו מעופפת'.. דער ארבעט ערגעץ וואו ער ארבעט, און דער ארבעט אין א פלאץ וואס ס'טראגט אריין, ס'איז א אנדער מעשה אינגאנצן!

---

**ד.** חיי מוהר"ן ת"ד.

## שמחת תורהביים בעש"ט און ביים רבי'ן

"שמחת תורה" איז געווען א גרויסע עסק ביים רבי'ן. ר' נתן פלעגט קומען אלע יאר צום רבי'ן נאך שמחת תורה, און דער רבי פלעגט אים אויס פרעגן ווי איז געווען דער שמחת תורה און דער רבי האט דערציילט ווי אזוי ס'איז געווען שמחת תורה ביי אים[ה].

דער רבי אליין פלעגט זיך אפגעבן, שמיני עצרת האט ער געמאכט א טיש פאר די בעלי בתים פון שטאט, אויכעט דער הייליגער "בעל שם טוב" פלעגט זיך אזוי פירן. די גאנצע ליכטיגקייט..

שרייבט ער דא[ו]: "**ביום שמיני עצרת היה מנהג רבינו ז"ל לערוך שולחן מיוחד עם ה'בעלי בתים' תושבי העיר בלבד - "א בעלבית'ישע טיש", ולא הורשה אז אף אחד מאנשי שלומינו החסידים להכנס ולהצטרף לשבת עמהם, כי רבינו דיבר עמהם דיבורים לפי ענינם ולפי דרגתם.**

אחרי עריכת השולחן, כשהלכו כבר כל הקהל לתפילת ערבית של שמחת תורה, לקחו וליוו בעלי הבתים את רבינו תחת חופה עד לבית הכנסת לקראת ההקפות של שמחת תורה, ואז בדרך הליווי כשרקדו ושרו הורשו כבר החסידים להצטרף, ועזרו להם בשמחתם. **מנהג זה היה נהוג עוד אצל זקנו של רבינו, הבעל שם טוב הקדוש, שהיה עורך אז שולחן מיוחד עבור אנשי 'בעלי התהילים' המכונים 'תהלים'ניקעס'**[ז]".

ס'געווען ביים רבי'ן א גרויסע צייט, ביים רבי'ן און פון בעש"ט נאך. דער אריינברענגען די שמחה, דער דרך הבעש"ט.

---

**ה.** שיחות הר"ן רצ"ט.

**ו.** שישה"ק ח"ג ת"ק

**ז.** "שהיה להם את בית המדרש הגדול שבעיר, שהיו מתאספים שם ומתפללים שם יחדיו, ואחר התפלה נוהגים היו לומר בכל יום את כל ספר התהילים" (שם).

אין חיי מוהר"ן שטייט אויכעט[ח]: **"וּבְיוֹם שְׁמִינִי עֲצֶרֶת דִּבֵּר עִמָּהֶם** [מיט רבי יודל און ר' שמואל אייזיק] **מֵעִנְיַן רִקּוּדִין וְהַמְחָאַת כַּף וכו' וְכוּ'. אַחַר־כָּךְ הִתְחִילוּ לִכְנֹס הֲמוֹן עָם מֵאַנְשֵׁי הָעִיר שֶׁבָּאוּ אֵלָיו בְּנִגּוּן וְשִׂמְחָה כַּנָּהוּג בְּיוֹם שְׁמִינִי־עֲצֶרֶת. וְאָז אָמַר לְרַבִּי יוּדְל וּלְרַבִּי שְׁמוּאֵל אַיְיזִיק: לְכוּ לָכֶם כִּי אֲנִי צָרִיךְ לַעֲסֹק עִמָּהֶם וְאֵין זֶה שַׁיָּךְ לָכֶם וְהָלְכוּ לָהֶם מִמֶּנּוּ. וְאַחַר־כָּךְ נַעֲשָׂה שָׁם שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּקוֹל רַעַשׁ גָּדוֹל שֶׁל שִׁיר וְשִׂמְחָה[ט].**

די תורה "אזמרה" מיט די תורה רע"ז דארטן, "צדיק כתמר יפרח" - ס'איז אלעס תורות וואס דער רבי האט געזאגט שמיני עצרת.

[שואל: ס'געווען דארטן ווער ס'זאל הערן און שרייבן די תורות פון שמיני עצרת ווי אזמרה א.ד.ג - זיי האבן געקומען נאר שפעטער ווען מ'האט געטאנצט?] מסתם איז ר' נתן געווען דארטן. איך ווייס נישט פונקט אויף וואספארא אופן ס'איז געווען... אבער עכ"פ, וועסט באלד זעהן, איך וועל ליינען נאך פון אינעוויינג, וועסטו זעהן.

[שואל: ר' נתן שרייבט, אז דער רבי האט אים געפרעגט ווי האט מען געטאנצט שמחת תורה - איז ער נישט געווען ביים רבי'ן.. אחד הנוכחים: קען זיין ווענדזיך וועלכע יארן..] ר' נתן פלעגט נישט זיין [בדרך כלל] ביים רבי'ן שמחת תורה, ער פלעגט קומען נאך שמחת תורה!

נאר ס'איז געווען איין יאר וואס ר' נתן איז געווען (שנת תקס"ח), די יאר וואס זיין ווייב איז געווען אין "מאהלוב", און ער איז אליין געווען אין מאהלוב - און עפעס, ער האט שוין געדארפט אהיים פארן, ער האט עפעס נישט געהאט קיין וואָגן (עגלה) אויף צוריק..

ר' נתן שרייבט [אין ימי מוהרנ"ת[י]] אז ס'איז געווען א מורא'דיגע השגחה, אז ער איז שוין געווען אויפן וועג צו אהיים פארן, און ס'האט זיך עפעס

---

ח. חיי"מ רס"ג.

**ט.** וממשיך שם: וְאָז רָקַד רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּעַצְמוֹ הַרְבֵּה מְאֹד מִן אֵיזֶה זְמַן קֹדֶם הַלַּיְלָה עַד אֵיזֶה שָׁעוֹת בְּתוֹךְ הַלַּיְלָה שֶׁל שִׂמְחַת תּוֹרָה. וְצִוָּה שֶׁיָּבִיאוּ לוֹ אֶת וְכוּ' וְרָקַד עִמָּהֶם הַרְבֵּה. וּכְבָר יָדוּעַ גֹּדֶל נִפְלְאוֹת עֲרֵבוּת נְעִימוּת קְדֻשַּׁת הָרִקּוּד שֶׁלּוֹ, כִּי מִי שֶׁלֹּא רָאָה זֹאת לֹא רָאָה טוֹב מִיָּמָיו.

י. ראה ימי מוהרנ"ת ח"א כ"ו.

נישט געמאכט א וואגן, עפעס א גאנצע מעשה איז געווען דארטן.. ער האט זיך געטראפן אז ער איז געבליבן ביים רבי'ן יום כיפור, סוכות, ביז נאך שמחת תורה.

האט ער דעמאלט'ס געהערט די תורה "אזמרה" און ער האט באגלייט דעם רבי'ן ביים ארויסגיין אויף די נסיעה קיין לעמבערג. ער שרייבט: דאס אלעס איז געווען בהשגחה איך זאל קענען מקבל זיין פון רבי'ן.. און שפעטער איז דער רבי נישט געווען, א גאנצן ווינטער איז ער נישט געווען בכלל אין "ברסלב".

[ש: תורה רע"ז איז געווען אין א אנדער יאר?] ניין ניין,ביידע אין איין יאר, אין איין יאר האט דער רבי געזאגט סיי **תורה רע"ז**, סיי תורה "**אזמרה**". ס'דא א גרויסער קשר, די צוויי תורות, רע"ז מיט רפ"ב - און נאך אפאר תורות וואס ס'איז דארטן, ס'איז אלעס איינע אין אנדערן, אלעס איז געזאגט געווארן צוזאמען.

"**צדיק כתמר יפרח**", דער רבי רעדט דארטן (אין תורה רע"ז) אז מ'איז מבזה א מענטשן זאל ער נישט ענטפערן. [אחד הנוכחים: עס איז דא דארטן אסאך נושאים וואס מ'זעט נישט קיין שייכות..] יא יא, דער גאנצער קשר.

[צווישן די אלע ענינים] רעדט ער דארטן וועגן "**אשתו ראשונה**". ר' נתן שרייבט'יא אז זיין ווייב איז נישט געווען געזונט, דער רבי האט איר ממשיך געווען א

---

**יא.** ימי מוהרנ"ת שם: אַחַר-כָּךְ נָסַעְתִּי לְמָאהְלוּב מִקְּרָאסְנִי וּבָאתִי לְבֵית חוֹתְנִי; וּכְבָר בָּא חוֹתְנִי לְבֵיתוֹ, וּבְוַדַּאי הֶרְאָה לִי פָּנִים זוֹעֲפוֹת, כִּי לֹא הָיָה רוּחוֹ נוֹחָה כְּלָל מֵעִנְיַן נְסִיעָתִי לְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, כַּנַּ"ל, בִּפְרָט שֶׁבְּעֵת שֶׁנִּתְמַהְמַהְתִּי בִּבְּרֶסְלַב אֵצֶל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, בְּאוֹתוֹ הַזְּמַן חָלְתָה זוּגָתִי, תִּחְיֶה, בְּמָאהְלוּב, וְהָיְתָה מְסֻכֶּנֶת, וְלֹא הָיָה שָׁם אִישׁ שֶׁיַּשְׁגִּיחַ עָלֶיהָ כְּלָל, כִּי חוֹתְנִי וַחֲמוֹתִי הָיוּ בִּקְרֶמִינִיץ כַּנַּ"ל, וַאֲנִי נָסַעְתִּי לִבְּרֶסְלַב וְהִשְׁאַרְתִּי אוֹתָהּ לְבַדָּהּ בַּבַּיִת עִם אֵיזֶה מְשָׁרֶתֶת וְאַחַר-כָּךְ חָלְתָה מְאֹד, וְלֹא הָיָה מִי שֶׁיַּשְׁגִּיחַ עָלֶיהָ בְּבֵיתָהּ, כִּי-אִם בְּנֵי הָעִיר וְהָיָה רַעַשׁ גָּדוֹל מִזֶּה בְּמָאהְלוּב. וּכְבָר נוֹדַע לִי עִנְיָן זֶה בִּהְיוֹתִי בִּבְּרֶסְלַב, שֶׁהוֹדִיעַ לִי אִישׁ אֶחָד מִזֶּה בְּלֵיל שִׂמְחַת-תּוֹרָה, וַאֲנִי הוֹדַעְתִּי זֹאת תֵּכֶף לְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וְהוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אָמַר אַחַר- כָּךְ, בַּבֹּקֶר, תּוֹרָה נִפְלָאָה, וְנִכְנַס גַּם עִנְיָן זֶה בְּתוֹךְ תּוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה, כְּדַרְכּוֹ תָּמִיד, שֶׁכָּל מַה שֶּׁעָבַר בָּעוֹלָם, בִּפְרָט מַה שֶּׁהָיוּ מְדַבְּרִים לְפָנָיו, הַכֹּל נִכְלָל וְנִכְנַס בְּתוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה, כִּי תּוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה הָיְתָה כְּלָלִיּוּת נִפְלָא וְנוֹרָא מְאֹד מְאֹד הֵן עַל כָּל אֵלֶּה אַחַר-כָּךְ כְּשֶׁבָּאתִי לְחוֹתְנִי, חָרָה אַפּוֹ מְאֹד עַל אֲשֶׁר הִשְׁאַרְתִּי זוּגָתִי לְבַדָּהּ וְאַחַר-כָּךְ חָלְתָה

רפואה פאר זיין אשתו ראשונה, זיין ווייב איז געווען ביי איר מאמע'ן און קיינער האט עפעס.. נישט געווען ווער ס'זאל זיך אפגעבן מיט איר און זי איז געווען סכנת נפשות, און דער רבי האט ממשיך געווען פאר איר א רפואה, ער האט געזאגט א תורה אויף אשתו ראשונה. און ווען ר' נתן איז אהיימגעקומען זענען זיי געווען אויפגערעגט אויף אים, וואס ער האט מפקיר געווען זיין ווייב, זי איז געווען נישט געזונט.. שרייבט ר' נתן: זיי ווייסן נישט, אז ווען נישט איך.. מיט דעם וואס כ'האב געווען ביים רבי'ן האב איך ממשיך געווען פאר איר א רפואה.

## דער דרך הבעל שם טוב

דא[יב] איז ער מאריך א גאנצע שמועס פון ר' לוי יצחק וועגן דער דרך הבעש"ט: "עוד קודם זמן מרן הבעל שם טוב הקדוש, היה כמובן הרבה צדיקים גאונים גדולים ומופלגים בתורה וכו', והיו להם תלמידים רבים אשר היו גם הם גדולים ומופלגים בתורה ויראה.

**אמנם באותה עת, המון עם היו אנשים פשוטים ומגושמים מאוד, מרביתם עמי הארץ גמורים, ומהם אף בעלי עבירות רחמנא ליצלן.** ואף שהיו כאמור גם הרבה גאונים גדולים מופלגים באותו הדור, **הרי שלאנשים**

---

כַּנַּ"ל אֲבָל אֲנִי לֹא שָׁמַעְתִּי כָּל זֶה כְּלָל, כִּי יָדַעְתִּי, שֶׁאִם הוּא הָיָה יוֹדֵעַ חֵלֶק מֵאֶלֶף מִמַּה שֶּׁשָּׁמַעְתִּי וּפָעַלְתִּי בְּאֵלּוּ הַיָּמִים, שֶׁזָּכִיתִי לְהִסְתּוֹפֵף בְּצֵל קְדֻשַּׁת רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הָיָה בְּוַדַּאי מַסְכִּים עַל נְסִיעָתִי וְהָיָה מְנַשֵּׁק כַּפּוֹת רַגְלַי כִּי אַדְּרַבָּא, מַה שֶּׁנִּשְׁאֲרָה בִּתּוֹ, הִיא זוּגָתִי, בַּחַיִּים, הַכֹּל הָיָה בְּכֹחַ תְּפִלּוֹת רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וְתוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה כִּי תֵּכֶף בַּבֹּקֶר, בַּשַּׁבָּת הַנַּ"ל, דִּבֵּר בְּתוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה מֵעִנְיַן שַׁבָּת, שֶׁהִיא בְּחִינַת בַּת-זוּג שֶׁל כְּלַל יִשְׂרָאֵל, בְּחִינַת אִשְׁתּוֹ הָרִאשׁוֹנָה וְכוּ', וְיָדַעְתִּי שֶׁשָּׂם לִבּוֹ לִדְבָרַי, שֶׁהוֹדַעְתִּי לוֹ בְּלֵיל-שַׁבַּת-קֹדֶשׁ, וְעָשָׂה לָהּ טוֹבָה גְּדוֹלָה.

**יב.** שיש"ק חלק א קל"ד (עיי"ש כל השיחה באריכות).

**הפשוטים לא היה שום שיג ושיח עמהם, ומכל שכן שלא ינקו מאותם הגדולים שום חיות וכו'**יג.

איז ער ממשיך: "**כשהופיע הבעש"ט הקדוש בעולם, נענה ואמר: "איך בין געקומען אין דער וועלט אויסרייסן דעם בייזן למדן!"** [יד]**. ודרכו הייתה להתחבר בתחילה עם האנשים הכפריים המגושמים והפשוטים מאוד הנקראים 'רענאדרער'ס'** (שוכרי הפונדקים) **וכיוצא, שהיו על פי רוב עמי הארץ ולא ידעו אף להתפלל.**

**והיה הבעל שם טוב הקדוש מברכם ומשפיע עליהם ישועות גשמיות, ומקרבם ומלהיבם לעבודת הבורא, ולימד אותם לומר תהלים עד שהיו מכנים אותם 'די תהילים'ניקעס'** (אומרי התהילים)"טו.

**אחר כך התקרבו אל הבעל שם טוב הקדוש גם הצדיקים השרפים הגדולים והיו לו חסידים למאות; אך גם אז בשמיני עצרת היה עורך שולחן לפני אלו האנשים הפשוטים בלבד**".

"דער בעל שם איז א חידוש געווען [טז], דער בעל שם איז אזוי צו יעדם איינעם געווען גוט, ער האט געהאט וועגן פאר די גרויסע און וועגן פאר די קליינע".

---

**יג.** וממשיך שם: **וזה הדבר בעצמו שלא היתה להם שייכות עם גדולי הדור היה גורם להיותם של המון העם כה מרוחקים ומגושמים, עד שהאנשים הפשוטים הלכו לאבדון ('דער פראסטער עולם איז געגאנגען צו גרונד')**".

**יד.** ער ברענגט דא אונטן פון ר' לוי יצחק: "בכינוי **'למדן קפדן'** היו מכנים את הלומדים שתורתם היא שלהם בלבד כביכול, ואשר אין רוב העולם נהנה מתורתם ומגדולתם, וזאת בשל למדנותם שהיתה באופן קפדני, כך שסברו שהוא בזבוז זמן להשפיע על פשוטי העם".

**טו.** וממשיך שם: כי היתה להם 'חברת תהילים', שהיו מתאספים בבית המדרש הגדול שבעיר והיו מתפללים שם יחדיו, ובכל יום אחרי התפילה היו אומרים את כל ספר התהלים בלא הבנה וללא שידעו כלל 'עברי טייטש' (פירוש התיבות); ואט אט רוממם הבעל שם טוב, וטיהר את העולם.

**טז.** שם הערה ו'

אבער דער רבי, ער איז געגאנגען נאך ווייטער. דער הייליגער בעש"ט האט זיך אראפ געלאזט צו די פשוטי עם, און דער רבי האט זיך אראפגעלאזט נאך מער..

שרייבט ער דא[יז]: "**אמנם רבינו הקדוש הוא אשר חשב מחשבות ביותר לבלתי ידח ממנו נידח, והוריד עצמו עוד יותר ויותר לקרב ולהציל את כלל כל הנפשות, גם אותן העשוקות בשאול תחתיות, לזכותם בחיים נצחים, וכל אחד היה יכול להתקרב אליו, אף אנשים כאלה שהיו מונחים במדרגה כה תחתונה, עד שגם השאול תחתיות היה כביכול קטן לפניהם**". "דער רבי האט זיך גאר אראפ געלאזט אז יעדער איינער קען זיך מקורב ווערן, אפילו דער וואס די שאול תחתית איז קארג פאר אים קען ער אויכט מקורב ווערן"[יח].

## "דֶערְמַאנְט אַייךְ, וִוי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעפוּנֶען.."

איז דער רבי איז געגאנגען מיט דעם וועג פון בעש"ט - מיר רעדן אלס וועגן שמיני עצרת - דער רבי האט אויך געמאכט דעם טיש שמיני עצרת אזוי ווי דעם בעש"ט.

[ווייל] דער בעש"ט האט זיך אפגעגעבן מיט די פשוטים און דער רבי האט זיך אויך אפגעגעבן מיט די פשוטים, נאר דער רבי האט זיך נאך אפגעגעבן נאך מיט אסאך נידריגערע.

---

**יז.** שם פיסקא ד'.

**יח.** וממשיך שם: "ומלבד זאת היה מדבר עמהם ומראה ומאיר ומגלה להם שהשם יתברך מלא כל הארץ כבודו והוא נמצא עמם ואצלם ועל ידם, אל תפחדו! [אז גאט איז מיט אייך, ביי אייך, און לעבן אייך, שרעקט זיך ניט!] ואפילו הם נפלו לשאול תחתיות ח"ו - אף על פי כן, שם דייקא נמצא כבודו יתברך. וכן היה רבינו מקרב את הגדולים מאוד, ועמהם היה מדבר ומראה ומגלה להם שאינם יודעים כלל בידיעתו יתברך: מה אתם רואים? מה אתם יודעים? מה טעמתם מימיכם?! [וואס ווייסט איר? וואס זעהט איר? וואס האט איר פארזוכט אמאל?!]".

דער רבי - שטייט דאך דארטן אין די בריוו ווען דער רבי איז געקומען אין ברסלב: "**דֶערְמַאנְט אַייךְ אִיטְלִיכֶער וְוִי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעפוּנֶען אַז אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב, און וִויפִיל כֹּחוֹת בְּרוּחָנִיּוּת וְגַשְׁמִיּוּת אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגִיבְּרַאכְט אַרוּם אַייךְ**".

נאכדעם איז דא נאך א בריוו וואס דער רבי שרייבט: "**שְׁאֵלָתִי וּבַקָּשָׁתִי מִכֶּם שֶׁלֹּא יִהְיֶה לָרִיק יְגִיעִי שֶׁיָּגַעְתִּי עִם כָּל אֶחָד וְאֶחָד, וְשַׂמְתִּי אֶת נַפְשִׁי בְּכַפִּי בִּשְׁבִיל טוֹבַת נַפְשְׁכֶם.. הָעֵסֶק שֶׁעָסַקְתִּי עִמָּכֶם לְהוֹצִיא אֶתְכֶם מִשִּׁנֵּי הַסָּמֶךְ־מֵם, עַל כָּל אֵלֶּה עֵינָיו לָטַשׁ וְשִׁנָּיו חָרַק עָלַי.** וּבְכֵן אֲהוּבַי אַחַי וְרֵעַי חִזְקוּ וְאִמְצוּ בְּיִרְאַת ה' כָּל אֶחָד וְאֶחָד לְפִי כֹּחוֹ וּבְחִינָתוֹ. וְלֹא יִהְיֶה לָרִיק יְגִיעִי. וְשִׁמְרוּ תּוֹרַת מֹשֶׁה עֶבֶד ה' כַּאֲשֶׁר לִמַּדְתִּי אֶתְכֶם".

עס איז באוואוסט אויף דער בריוו - אז ווען דער רבי איז געקומען אין ברסלב, איז געווען דארטן זייער מגושם'דיגע מענטשן, גרויסע בעלי עבירות איז געווען דארטן, ס'געווען דארטן עפעס א פריץ וואס ער האט מחטיא געווען דארטן די גאנצע שטאט.. דער רבי איז אנגעקומען אין ברסלב און ער האט זיך ארייגעלייגט דארטן צו רייניגן די שטאט.

אזוי שרייבט ער[יט]: "כשנכנס רבינו ז"ל לגור בעיר ברסלב היו שם הרבה אנשים שפלים וירודים מאוד ('זייער אסאך נישט קיין לייטישע מענטשן'), כי היה דר שם פריץ רשע שהיה מחטיא מאוד את התושבים בפריצותו הנוראה וגרם שתהיה פריצות בעיר רחמנא לצלן, ודייקא לעיר זו נכנס רבינו ז"ל, כדי לקדשה ולתקנה".

ער ברענגט דא דער בריוו וואס דער רבי שרייבט פאר זיינע חסידים אין שטאט ברסלב[כ]: "אִיר זָאלְט מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר מִיר בְּכָל תְּפִלָּה וּתְפִלָּה, אוּן נִישְׁט צוּ פַארְגֶעסְן דִי טוֹבוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ אִיטְלִיכֶען גִיטָאהן בִּיז אַהֶער וכו'. **דֶערְמַאנְט אַייךְ אִיטְלִיכֶער וְוִי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעפוּנֶען אַז אִיךְ בִּין**

**יט.** שיש"ק חלק א ע"ד.

**כ.** על"ת מכתבי מוהר"ן מכתב

**גִיקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב, אוּן וִויפִּיל כֹּחוֹת בְּרוּחָנִיּוּת וְגַשְׁמִיּוּת אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגִיבְּרַאכְט אַרוּם אַייךְ וכו'** [אויך בגשמיות האט זיך דער רבי אפגעגעבן דארטן]".

ס'דא אסאך מעשיות, באוואוסטע מעשיות, מיט מענטשן - מ'ווייסט מענטשן מיט נעמען [וואס זענען] געווען בעלי עבירות, ס'האט זיך אפגיטאן דארטן..

ס'געווען איינער פון דער רעבינ'ס מענטשן, ר' אברהמ'ל פייעס, ער איז געווען א נגיד פון די מענטשן וואס האבן אויפגענומען דעם רבי'ן. האט דער רבי געזאגט פאר אברהמ'ל פייעס, ער זאל גיין געבן געלד פאר'ן בעדער (בלן). ער איז א ארעמאן - גיי גיב אים געלד! ווייל ווען ס'נישטא קיין געלד ביי זיי, צוקריגן זיי זאך און זיי מאכן עבירות ח"ו.

און אברהמ'ל פייעס האט געגאנגען שפעטער, האט ער געטראכט: "א רגע, אויב דער רבי ווייסט וואס יענער טוט, ווייסט ער דאך אויכעט וואס ביי מיר טוט זיך".. האט ער געקומען צום רבי'ן, ער האט געזאגט, אז זיינע עבירות וועט מען טראגן אויף א פֶּענדל. ער האט געהאט אזעלכע עבירות האט ער געהאט - "איז אויב דער רבי ווייסט, ווייסט ער דאך אויך וואס איז מיט מיר, וואו בין איך אין דער וועלט..".

בקיצור, איז ער געקומען צום רבי'ן, ער האט געבעטן דעם רבי'ן א תיקון, דער רבי האט אים געהייסן אז - איך דערצייל דאס ממש בקיצור, דער רבי האט אים געגעבן צו פאסטן משבת לשבת. אינמיטן האט ער געפילט אז ער קען שוין נישט אויסהאלטן, ער איז געקומען צום רבי'ן, ער האט זאך געשלעפט צום רבי'ן. דער רבי האט אים געגעבן עפעס - דאכט זאך מיר געגעבן עפעס א לעפל יויך דאכט זיך מיר, און ער האט אים געהייסן ממשיך זיין ווייטער צו פאסטן. [איך געדענק שוין נישט די אלע פרטים..].

- - גאנצע זאכן, ס'געווען נאך כמה מעשיות, ס'געווען א חזן משה א גרויסער בעל עבירה.. ס'געווען דארטן.. ס'האט זאך אפגעטאן דארטן גרויסע.. - דער רבי האט זיך אריינגעלאזט! כ'מיין צו זאגן, דאס איז נישט

נאר איין מעשה, **ביי ר' לוי יצחק אין גאר אסאך שמועסן איז דאס דא, ווייל דאס איז גאר איין מעשה.**

## שמחת התורה – פאר יעדן איד!

נחזור לעניננו, דער בעל שם האט זאך אריינגעלייגט אין העלפן די וועלט, ער האט זאך גענומען צו די פשוטי עם - און דער רבי האט זאך אראפגעלאזט נאך מער אראפגעלאזט צו די בעלי עבירות, צו די גאר נידעריגע. און ביידע האבן נוהג געווען "שמיני עצרת" צו מאכן דעם טיש דווקא מיט די בעלי בתים, דווקא [מיט מענטשן וואס זענען] נידעריג.

[ש: וואס האט דאס אלעס מיט שמיני עצרת?] אָה, דאס וואס כ'האב געוואלט זאגן, זעהט מען דא אז די שמחה פון שמחת תורה.. ביים רעבין דער ענין פון שמיני עצרת מיט שמחת תורה, די שמחה, מיינט טאקע דאס. ווייל די שמחה צו מחייה זיין יעדער איינעם אוואו ער איז, אריינברענגען שמחת היהדות.

דערפאר האט דער רבי אויך מגלה געווען די תורה פון 'אזמרה' שמיני עצרת, ווייל דאס איז באמת די שמחת התורה, דאס איז...

[ש: דאס הייסט דער עיקר שמחת היהדות איז די קליינע זאכן?] יא, צו אראפ ברענגען די שמחה, מהפך זיין אלעס, זאך פרייען מיט יעדער נקודה פון אידישקייט.

[ש: וואס האט עס מיט וואס פשוט'ער, וואס מער פשוט'ער איז עס מער טיפער?] ניין, ווייל דאס איז, עס האט דא א תכלית, עס איז דא א תכלית אין שמחת תורה, נישט סתם בעליבתי'ש - מ'האט געענדיגט ליינען וזאת הברכה מאכט מען א סיום, מען מאכט שמחת תורה.. ניין! עס איז דא א דרך צו אריינעמען שמחת תורה, ווייל שמחת תורה דאס איז דער דרך צו ווערן מקורב צום אויבערשטן.

[ש: יא, אבער פארוואס דווקא מיט די פשוטי עם?] אז אפילו די פשוטי עם זאל האבן א שייכות מיט 'שמחת התורה'! אז עס איז א עצה, שמחת תורה איז א עצה, מען קען מקרב זיין [אפילו] די רחוקים, די פשוטים.

(דאס איז געווען דער וועג פון דער הייליגער בעש"ט און דערנאך ביי דער הייליגער רבי ביתר שאת - אריין ברענגען שמחת התורה אויך ביי דער פשוטער און נידריגער איד.. אז שמחת התורה זאל נישט זיין נאר ביי דער ת"ח און למדן, נאר זאל געהערן צו יעדן איד באשר הוא, מיט זיין פשוטע אידישקייט!)

## "וְשָׁאַל אוֹתִי אִם הָיִיתִי שָׂמֵחַ בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה.."

ר' נתן שרייבט אין שיחות הר"ן אז דער רבי האט גערעדט מיט אים וועגן שמחת תורה און דער רבי האט געוואלט אויך אינמיטן יאר זאל מען האבן 'שמחת התורה'.

שרייבט ער דא אין שיחות הר"ן: **"אַחַר שִׂמְחַת תּוֹרָה הָיִיתִי רָגִיל לָבוֹא אֵלָיו זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. וּבְכָל שָׁנָה כְּשֶׁבָּאתִי אֵלָיו אַחַר שִׂמְחַת תּוֹרָה שָׁאַל אוֹתִי אִם הָיִיתִי שָׂמֵחַ בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה. וְסִפֵּר לִי כַּמָּה פְּעָמִים אֵיךְ הָיוּ הָעוֹלָם שְׂמֵחִים בְּבֵיתוֹ וְהָיָה לוֹ נַחַת גָּדוֹל מִזֶּה. וְכֵן עוֹד פַּעַם אַחַת בְּאֶמְצַע הַשָּׁנָה דִּבֵּר עִמִּי מֵעִנְיַן שִׂמְחַת תּוֹרָה אִם אֲנִי מַרְגִּישׁ שִׂמְחָה בְּלִבִּי אָז, אוֹ עַל כָּל פָּנִים פַּעַם אַחֵר בַּשָּׁנָה אִם אֲנִי מַרְגִּישׁ שִׂמְחָה בְּלִבִּי"** [כא].

פירט אויס ר' נתן: **"כִּי חֶפְצוֹ וּרְצוֹנוֹ הָיָה מְאֹד שֶׁנִּהְיֶה שְׂמֵחִים בְּכָל הַשָּׁנָה כֻּלָּהּ, בִּפְרָט בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה וּפוּרִים וּבְשַׁבָּת וְיוֹם טוֹב. וְסִפֵּר לִי שֶׁפַּעַם אַחַת בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה רָקַד בְּעַצְמוֹ לְבַדּוֹ בְּחַדְרוֹ בְּלִי סִיּוּעַת אֲנָשִׁים אֲחֵרִים".**

ביים רבי'ן איז שמחת תורה נישט געווען [נאר סתם] עפעס א ענין פון שמחת תורה, שמחת תורה איז, אז עס איז דא א וועג וואס קומט ארויס שמחת

---

**כא.** וממשיך שם: וּבָרוּךְ ה' שֶׁעֲזָרַנִי בְּחַסְדּוֹ הַגָּדוֹל לִשְׂמֹחַ בְּכָל לֵב כַּמָּה פְּעָמִים בַּשָּׁנָה, וְהִרְגַּשְׁתִּי הַשִּׂמְחָה בְּלִבִּי מַה שֶּׁאִי אֶפְשָׁר לְסַפֵּר לַחֲבֵרוֹ כְּלָל. כִּי שִׂמְחַת יַהֲדוּתֵנוּ, מַה שֶּׁזָּכִינוּ לִהְיוֹת מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל וּלְהַאֲמִין בּוֹ יִתְבָּרַךְ, הוּא לְכָל חַד כְּפוּם מָה דִּמְשַׁעֵר בְּלִבֵּהּ. וְאִי אֶפְשָׁר לְסַפֵּר לַחֲבֵרוֹ כְּלָל, כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר אֶצְלֵנוּ כַּמָּה פְּעָמִים. בִּפְרָט בְּחִינַת הַדְּבֵקוּת שֶׁמַּרְגִּישִׁין בִּשְׁעַת הַשִּׂמְחָה אֲפִלּוּ הַפָּחוּת שֶׁבְּיִשְׂרָאֵל, זֶה אִי אֶפְשָׁר לְסַפֵּר כְּלָל.

תורה אויף א גאנץ יאר. **א גאנץ יאר דארף מען גיין מיט דעם דעת פון שמחת תורה!**

דער רבי האט געוואלט ארויסגעבן אז שמחת תורה דארף מען זיין פריילאך. עס איז נישט [סתם] עפעס א "מצב", עס ליגט דא א עומק פון שמחה.

עס איז דא אין עלים לתרופה, א בריוו וואס ר' נתן שרייבט אויך וועגן שמחת תורה, ער שרייבט פאר זיין זוהן א בריוו "**ב' חיי שרה**" א חודש נאך שמחת תורה:

**"שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְחַיִּים וְכָל טוּב לִכְבוֹד בְּנִי מוֹרֵנוּ הָרַב יִצְחָק שֶׁיִּחְיֶה.. אִמְרוֹתֶיךָ הַנְּעִימִים הִגִּיעוּ אֵלַי פַּעֲמַיִם, אֶחָד בְּיוֹם שִׂמְחַת תּוֹרָה, בְּעֵת שֶׁהָיִינוּ שְׂמֵחִים בְּשִׂמְחָה שֶׁאֵין לָהּ קֵץ, שִׂמְחַת יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר זָכִינוּ לִהְיוֹת עַם סְגֻלָּתוֹ וְנָתַן לָנוּ כְּלִי חֶמְדָּתוֹ, וְקֵרְבָנוּ לַעֲבוֹדָתוֹ וְכוּ', אָז בְּתוֹךְ שִׂמְחָתֵנוּ הִגִּיעַנִי מִכְתָּבְךָ, רָאִיתִי וָאֶשְׂמַח.**

**שָׂשׂ אָנֹכִי עַל אִמְרוֹתֶיךָ בִּפְרָט בָּאִגֶּרֶת הַשֵּׁנִי אֲשֶׁר קִבַּלְתִּי בְּשָׁבוּעַ הֶעָבַר** [אין די ערשטע בריוו האסטו מיר געשריבן דארטן פרייליכע זאכן וואס עס האט געפאסט צו שמחת תורה, איך האב זיך געפריידט מיט דעם. און ווייטער דעם צווייטן בריוו וואס איך האב יענע וואך באקומען -] **אֲשֶׁר הוֹדִיעַנִי אֶת אֲשֶׁר קִוְּתָה נַפְשִׁי אֲשֶׁר תּוֹדָה לָאֵל תּוֹרַת ה' תְּמִימָה בְּיָדְךָ".**

[איז טאקע] **נָא בְּנִי חֲבִיבִי כְּנַפְשִׁי, חֲזַק וֶאֱמַץ בְּכָל כֹּחוֹתֶיךָ לְהַתְמִיד בְּלִמּוּדְךָ הֵיטֵב, כִּי הוּא חֶלְקְךָ בַּחַיִּים".** און אזוי איז ער ממשיך ווייטער [מיט דיבורים און הדרכות בענין לימוד התורה].

און בסוף שרייבט ער: "גַּם תִּתְאַמֵּץ מְאֹד לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד. וּמַה מְּאֹד נֶהֱנֵיתִי מֵאֲשֶׁר כָּתַבְתָּ לִי אֲשֶׁר אַתָּה בְּשִׂמְחָה תּוֹדָה לָאֵל, מִי יִתֵּן שֶׁיִּהְיֶה בֶּאֱמֶת תָּמִיד שֶׁתִּהְיֶה אַךְ שָׂמֵחַ תָּמִיד. **וְתִעַיֵּן בִּתְחִלַּת מִכְתָּבִי זֶה אֲשֶׁר הֵעִירוֹתִיךָ עַל עִנְיַן שִׂמְחַת תּוֹרָה וּבְכַוָּנָה הִרְבֵּיתִי דְּבָרַי שָׁם כְּדֵי לִזְכֹּר תָּמִיד שִׂמְחַת יִשְׂרָאֵל, כִּי יֵשׁ לָנוּ לִשְׂמֹחַ בַּשִּׂמְחָה הַזֹּאת תָּמִיד.** בְּשִׂמְחָה שֶׁאֵין לָהּ קֵץ אֲשֶׁר זָכִינוּ

לִהְיוֹת מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל וּלְקַבֵּל תּוֹרָתוֹ וּמִצְווֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים וְכוּ' וְכוּ'. אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ".

## "דיבור בדעה"

ס'דא דא א שמועס אויך וואס ער רעדט דא וועגן 'טרינקען', טרינקען משקה המשכר. שרייבט ער דא[כב]: **"מוהרנ"ת אמר, יין המשכר נכון לשתותו רק בפורים ולא בשמחת תורה"**.

ברענגט ער דא אונטן פון כוכבי אור[כג]: **"מְאֹד צְרִיכִין לִזָּהֵר לְמַעֵט בִּשְׁתִיַּת מַשְׁקִין הַמְשַׁכְּרִין בְּכָל הָאֶפְשָׁרוּת גַּם בְּשַׁבָּת וְיוֹם טוֹב, וַאֲפִלּוּ בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה (..) וְלֹא כַּטּוֹעִים בָּזֶה"**[כד].

און שפעטער דערציילט ער דא[כה]: "תבערת לבבו והרגשתו של ר' נחמן טולטשינער בגדולת מוהרנ"ת היתה כה רבה, שפעם שתה יין המשכר בשמחת תורה מעט יותר מהראוי, ונפל מחמת גודל השמחה לרגלי מוהרנ"ת ונשקן, ואמר לו: **"איר זענט מיין חיות! איר זענט מיין לעבן! איר קוויקט מעך מיט אייערע דיבורים.."**; ושתק מוהרנ"ת. למחרת שאל אותו מוהרנ"ת: "נחמן, געדענקסט אפשר וואס דו האסט נעכטן געזאגט?". השיב לו ר' נחמן: "יא, היינט זאג איך אויכט אזוי!". אמר לו מוהרנ"ת: **"נו, די רייד וואס דו האסט גערעדט איז אמת, אבער נישט שמחת תורה טרינקען מערער!"** (נו, שהדיבורים שדיברת אמיתיים הם, אבל לא בשמחת תורה הוא הזמן להרבות בשתייה)".

---

**כב.** שיש"ק חלק ג תק"ג.

**כג.** ששון ושמחה אות א' בסופו.

**כד.** וממשיך שם: "וּמִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן בִּימֵי הַחֹל כִּי לֹא עַל שִׂמְחָה כָּזֹאת הִזְהִיר אוֹתָנוּ אַדְמוֹ"ר זַ"ל. כִּי עַל זֶה נֶאֱמַר, 'וּלְשִׂמְחָה מַה זּוֹ עוֹשָׂה' כִּי אֵין זֶה שִׂמְחָה רַק הוֹלְלוּת וְסִכְלוּת".

**כה.** שיש"ק חלק ג תק"ד.

זאגט דא אונטן ר' לוי יצחק: "**כי רק בפורים נכון לשתות משקה המשכר, מה שאין כן ביום שמחת תורה שהוא יום של 'דיבור בדיעה', ראה ליקוטי קמא סימן ע"ד**".

פורים איז 'עד דלא ידע', אבער שמחת תורה איז 'דיבור בדעה'.

יעצט, ביי אונזער לייט, פורים וואס ס'איז 'עד דלא ידע' - איז נישטא קיין שום ליצנות נישט, דער גאנצער פורים איז איין [שטיק] התקרבות צום אויבערשטן. איז אויב אזוי - שמחת תורה? שמחת תורה פירט מען זיך אָן דעה?! שמחת תורה איז אוודאי און אוודאי דארף זיין א התקרבות, ס'איז א דיבור בדעה. מה דאך 'עד דלא ידע' איז פול מיט דעת, איז א דיבור בדעה כל שכן!

מ'האט [שוין] איבער געזאגט דא וואס דער זוהר הקדוש זאגט [דער רבי ברעגנט עס וועגן שמחת תורה[כו]] - יעדן דיבור פלאנצט אויף, דעם מענטש'ן זאל וויסן יעדן דיבור וואס ער זאגט ארויס שמחת תורה, אלע דיבורים וואס עס איז דיבורי דעה, וואס דאס איז די דיבורים פון שבחים צום אויבערשטן - פון יעדער איינציגן דיבור פלאנצט איין דער אויבערשטער פון דעם א בוים, "**אילנא דחיי דכולא אסוותא**".

דער רבי זאגט א גאנצע תורה פון דעם - "**תורה ע"ד**", וואס דער רבי רעדט דארטן אז א מענטש "צריך לרפאות נפשו"; יעדער איינער דארף מרפא זיין, זיין נפש, מען דארף ממשיך זיין רפואות, מרפא זיין די נפש דורך די

---

**כו.** וזל"ש: כִּי יֵשׁ דִּבּוּר בְּלֹא דֵעָה, וְיֵשׁ דִּבּוּר בְּדֵעָה. וּשְׁנֵי בְּחִינוֹת אֵלּוּ, הֵן בְּחִינַת 'הוֹשַׁעְנָא רַבָּא וְשִׂמְחַת תּוֹרָה' [..]. וְזֶהוּ בְּחִינַת הוֹשַׁעְנָא רַבָּא, שֶׁהוּא בְּחִינַת דִּין, בְּחִינַת פַּחַד יִצְחָק, שֶׁנִּמְשָׁךְ מִמֹּחִין דְּקַטְנוּת, וְעַל כֵּן הַדִּבּוּר בְּלֹא דַעַת עֲדַיִן. **אֲבָל שִׂמְחַת־תּוֹרָה, הוּא בְּחִינַת דִּבּוּר בְּדֵעָה, וְהוּא הַחִיּוּת שֶׁל הַנֶּפֶשׁ. כִּדְאִיתָא בַּזֹּהַר: 'זַכָּאִין אִנּוּן דְּיָדְעִין אוֹרְחוֹי דְּאוֹרַיְתָא, וּמִשְׁתַּדְּלֵי בָּהּ בְּאֹרַח מִישׁוֹר, דְּאִנּוּן נָטְעִין אִילָנָא דְּחַיֵּי לְעֵלָּא דְּכֹלָּא אַסְוָתָא**'. [..] בְּחִינַת חָכְמָה, בְּחִינַת מֹחִין דְּגַדְלוּת, שֶׁהוּא בְּחִינַת רְפוּאַת הַנֶּפֶשׁ, בְּחִינַת "שֶׁמֶשׁ צְדָקָה וּמַרְפֵּא בִּכְנָפֶיהָ" וכו'. בְּחִינַת דִּבּוּר בְּדֵעָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַתּוֹרָה, **בְּחִינַת שִׂמְחַת תּוֹרָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת אִילָנָא דְּאַסְוָתָא** כַּנַּ"ל.

חכמות, דורך די הבנת התורה. קומט צום סוף דער רבי און זאגט אז דאס איז שמחת תורה. שמחת תורה; די שמחה איז שלמות הדעת, שמחת תורה!

קומט א מענטש, מאכט זיך נאריש שמחת תורה ווייל ער מיינט אז עס איז א צייט צו.. (-ווילדווען) עס איז א טעות! איך זאג נישט, מען מאכט זיך פריילאך.. - אבער מען דארף אויך וויסן דער מכוון, מען דארף אויך אכטונג געבן. אסאך מעל ווערט אז מען איז מסיח דעת [פון די שמחה] ווייל מען איז פארביסן אויף דעם וואס האט קאמאנדיוועט.. האט מען אויף דעם וועג פארלוירן דעם גאנצן עסק.

ס'איז א עניין פון האפקען, טאנצן אזעלכע צובודז'עוועטע זאכן?! - מען דארף דאס סובל זיין, אבער די שמחה איז א שמחה.

פארקערט, מען דארף זיין אזוי פריילאך אז אפילו דאס זאל אויך נישט שטערן.. יא, ווי זאגט דער רבי - מען דארף ארייִנשלעפן די מרה שחורה, נאכגיין די יגון ואנחה אין די שמחה, קומט אריין.. שוין, דארף מען דאס אויך ארייִנשלעפן אין די שמחה. אבער מען דארף וויסן וואס איז דער מכוון, דער מכוון איז א מכוון, דער מכוון איז א אמת'ער מכוון.

בדרך כלל אלעמאל די מענטשן וואס זיי ווילדעווען קומט פון מרה שחורה, א נארווייזער מענטש ער קען זיך נישט בארוהיגן נאר אז ער בוז'עוועט.. ווער עס איז פריילאך איז פשוט פריילאך!

מען זעהט אלעמאל מען זיצט אין אומן מען זעהט דארט אלע סארטן מענטשן. עס איז דא מענטשן וואס זענען בתכלית המרה שחורה, אינמיטן האט ער געכאפט א טרונק אדער געכאפט א 'שמעק', און אינמיטן איז ער געווארן עפעס מורא'דיג.. און אינמיטן הויבט אן אראפגיין די וויין, איז ער שוין ווייטער פארביסן.. עס גייט צוזאמען, א מענטש וואס דאס איז דער חיות, זיינער צובודז'עווען, עס קומט נאר פון מרה שחורה און עצבות בדרך כלל.. דוק ותשכח ועסטו זעהן אז ווען ער איז ניכטער איז ער מלא נערוון, ער האט נישט קיין וועג נאר אז ער בודז'עוועט, איז וואס וויסטו - עס איז א רחמנות אויף אים.

אבער מען דארף וויסן וואס דער אמת איז - דער אמת איז ס'איז א שמחה פון דביקות, דער שמחת תורה איז א שמחה פון דבקות[כז]!

## "איך קען אויך טאנצן ביחידות!"

*עכ"פ, ביי אונז שמחה איז גאר עפעס א אנדער זאך. שמחה, די שמחה פון שמחת תורה - מען וועט צוריקגיין צום ענין - די שמחה פון שמחת תורה איז א וועג אויף א גאנץ יאר.

די שמחה איז א יסוד אין עבודת ה', אריינברענגען אין זיך די שמחה, צו זיין פריילאך! צו זיין פריילאך! דאס האט דער בעל שם אריינגעברענגט, און דאס האט דער רבי נאכמער אריינגעברענגט.

די שמחה! די שמחה! זיך פרייען, זיך פרייען מיט יעדע זאך - דאס איז דער עיקר פון אידישקייט. וויפל פרייסטו זיך?

**כז.** ראה ליקו"ה פו"ר ג, כג: וְזֶהוּ בְּחִינַת הַשִּׂמְחָה הַנִּמְשֶׁכֶת עַל-יְדֵי הַנִּגּוּן, כִּי עִקַּר שֹׁרֶשׁ הַשִּׂמְחָה בֶּאֱמֶת נִמְשָׁךְ מִבְּחִינַת הַשִּׂמְחָה בּוֹ יִתְבָּרַךְ, שֶׁזֶּהוּ עִקַּר הַשִּׂמְחָה בֶּאֱמֶת, כִּי בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ אֵין שׁוּם שִׂמְחָה בָּעוֹלָם כִּי אִם כְּשֶׁזּוֹכִין לְהַאֲמִין וְלֵידַע מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ, שֶׁזֶּה עִקַּר הַחַיִּים הָאֲמִתִּיִּים לְכָל אֶחָד וְאֶחָד כְּפוּם מַה דִּמְשַׁעֵר בְּלִבֵּיהּ.

**[..] וַאֲפִלּוּ הֲמוֹן עַם יִשְׂרָאֵל הַכְּשֵׁרִים הַפְּשׁוּטִים שֶׁאֵין זוֹכִים לְהַרְגִּישׁ זֹאת הֵיטֵב, אַף-עַל-פִּי-כֵן כָּל שִׂמְחָתָם שֶׁל יִשְׂרָאֵל הַכְּשֵׁרִים בְּשַׁבָּתוֹת וְיָמִים טוֹבִים וּבַחֲתֻנָּה וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה, הַכֹּל נִמְשָׁךְ מִשִּׂמְחָה זֹאת שֶׁהוּא בְּחִינַת דְּבֵקוּת בּוֹ יִתְבָּרַךְ**, כִּי אַף-עַל-פִּי שֶׁאֵינָם זוֹכִים עֲדַיִן לִבְחִינַת דְּבֵקוּת בֶּאֱמֶת כָּרָאוּי, אַף-עַל-פִּי-כֵן, אַף-עַל-פִּי דְּאִיהוּ לָא חָזֵי מַזָּלֵיהּ חָזֵי, וּמֵחֲמַת שֶׁבְּשֹׁרֶשׁ נִשְׁמָתָם הֵם מַרְגִּישִׁים לִפְעָמִים עֲרֵבוּת נְעִימוּת הַשִּׂמְחָה הַזֹּאת, עַל-יְדֵי-זֶה נִמְשָׁךְ עֲלֵיהֶם גַּם לְמַטָּה שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּעֵת שֶׁזּוֹכִים לִשְׂמֹחַ בַּה' בְּאֵיזֶה שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה.

**וְעַל-כֵּן כָּל יִשְׂרָאֵל הַכְּשֵׁרִים רְגִילִים בְּעֵת שִׂמְחָתָם לְזַמֵּר פְּסוּקִים וּתְפִלּוֹת שֶׁל הִתְקָרְבוּת יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם, שֶׁזֶּה עִקַּר שִׂמְחָתָם, וּבִפְרָט בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה** וּפוּרִים וְכַיּוֹצֵא בָּהֶן, שֶׁזֶּה עִקַּר שִׂמְחָתֵנוּ אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל עַם וְכוּ'. וּכְמוֹ שֶׁאָנוּ אוֹמְרִים בְּכָל יוֹם, אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ וְכוּ', וּמַה נָּעִים וְכוּ', וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה הַרְבֵּה וְכַנַּ"ל. כִּי בֶּאֱמֶת זֶה עִקַּר הַשִּׂמְחָה מַה שֶּׁאָנוּ יוֹדְעִים מֵהַבּוֹרֵא הַכֹּל יִתְבָּרַךְ לָנֶצַח עַל-יְדֵי אֱמוּנָתֵנוּ הַקְּדוֹשָׁה.

זיך פרייען מיט יעדער זאך, מיט יעדער משהו. נישט קיין חומרות, נישט צו מאכן יעדער זאך ווי אזוי האט מען נישט יוצא געווען די מצוה. אה, ער האט שוין עפעס א ספק, עפעס א פקפוק דארטן, שוין ארויס די גאנצע חיות פון די מצוה. פונקט פארקערט, א נקודה, נישט ער זאגט "ניין דער אתרוג האט דארט עפעס א דאס.." - די מצוה וואס ער האט געמאכט האט עפעס א שטיקל חסרון, ער האט שוין פארלוירן די גאנצע חיות.

פונקט פארקערט - דער רבי זאגט פארקערט[כח] - אפילו די מצוה איז אינגאנצן צובראכן, אבער עס איז דא עפעס איין נקודה וואס יא. פונקט פארקערט,ביים רבי'ן גייט פונקט פארקערט - איינער ער האט אנגעטאן תפילין, ער ווייסט נישט צו די תפילין איז יא צו נישט ער האט שאלות אויף די תפילין. אבער ער האט אנגעטאן תפילין!

ער האט אנגעטאן תפילין! ער האט געוואלט אנטאן תפילין! [אדער אפילו ער האט נאר געמיינט אז ער טוהט אן תפילין.. די 'נקודה דנקודה' וואס איז דא דא; ס'איז דאך אלץ, לפי איין שיטה איז דאס כשר, עפעס, א נקודה דנקודה.. - האב איך שוין צו זיין פריילאך אָן א שיעור, אן א שיעור!

ס'איז א אנדער וועג אינגאנצן, א אנדער איבערגעדרייטע וועג אינגאנצן. דאס איז שמחת תורה: מען פריידט זיך! מען פריידט זיך מיט די תורה! מען פריידט זיך!

אלע משוגעת'ן קומט נאר ווייל מען קען זיך נישט פרייען, א מענטש ווייסט נישט וואס הייסט זיין פריילאך, ער צולאזט זיך אביסל, נו.. – נאר [מ'דארף] זיין פריילאך באמת; א גאנצע יאר דארף מען זיך גרייטן אויף שמחת תורה און פון שמחת תורה דארף מען נעמען כוחות אויף א גאנץ יאר - ס'איז א דרך פון שמחה!

דער רבי איז א דרך פון שמחה! דער וועג; דער וועג וואס דער בעל שם און דער רבי האבן מקרב געווען אידן, זיי האבן זיך געניצט מיט שמיני עצרת

---

**כח.** ראה ליקו"מ תורה רפ"ב (אזמרה).

און מיטן שמחת תורה. זיי האבן זיך געניצט טאקע וועגן דעם, ווייל דאס איז געווען זייער וועג, זייער וועג איז געווען די שמחה, צו אריינגעבן, אין אנשים פשוטים, אריינברענגען די שמחת היהדות.

ס'איז א מורא'דיגע, א מורא'דיגע דרך הקודש. דער רבי, נאך שמחת תורה האט ער פארברענגט: "ווי איז געווען ביי אייך שמחת תורה? ביי אונז איז געווען זייער פרייליך".. - דער רבי האט גערעדט פון דעם, געמאכט א גרויסער עסק.

[נישט טראכטן:] שוין, עס איז דורכגעאנגען, עס איז דורכגעגאנגען שמחת תורה.. – ניין! עס איז ב"ה געווען א שמחת תורה! מען האט געטאנצט ביי אונז, עס איז געווען זייער פריילאך, אויך די הקפות שניות, איז געווען גאר פריילאך.

ווי איז געווען אין שוהל? אין [שול] מא"ש – יא, איז אויך געווען גאר פריילאך, מען האט געטאנצט ביז אינדערפרי, אה!

אין 'בית-שמש' האב איך געהערט איז געווען פריילאך, אין די שוהלן איז געווען גאר פריילאך, ביי אונז אין שוהל האט מען געטאנצט פריילאך.

מיין שווער [ר' נתן ליברמענטש שליט"א] האט מיר נעכטן געזאגט, אז ביי זייער שוהל דארטן אין בי"ש אין קריה, איז אויך געווען גאר פריילאך, מען האט געטאנצט ביז פיר אזייגער אינדערפרי.

איינער האט מיר געזאגט ביי די חבורה, ער איז אויך געווען אין "משכנות הרועים", זיי האבן געטאנצט מורא'דיג פריילאך, ביז נאך פיר אזייגער האבן זיי געטאנצט..

**ברוך ה', דאס איז אונזערע נייעס!**

**דאס איז אונזער אידישקייט!**

**דאס איז אונזער 'מערכות הקודש'!**

מיט די שמחה, מיט די שמחה ברענגט מען אריין, מען ברענגט אריין דעם אויבערשטן אין די וועלט, ברענגט מען אריין די טעם פון אידישקייט, אנשים נשים וטף.. מ'ברענגט אריין!

יעדער איינער דארף אריינברענגען ביי זיך אין שטוב. דער רבי זאגט "**איך קען אויך טאנצן ביחידות**" - יעדער איינער זאל זיך אויסלערנען אין שטוב אויך צו מאכן א קאדאטשקאל'ע. פארקערט, אין שטוב דארף מען נישט, נישטא ווער זאל זיין א מבין צו ער קען יא טאנצן - אין שטוב קען ער, ער איז דער גרעסטער טענצער.. אין שטוב קען ער טאנצן, אין שטוב קען ער זיך פרייליך מאכן..

יעדער איינער דארף אריינברענגען א שמחת היהדות, טאנצן און זינגען!! די אלע הייליגע ווערטער וואס מען זינגט שמחת תורה האט אונז דער רבי מגלה געווען[כט] -אז ס'איז "דיבור בדעה"! אזעלכע דיבור בדעה דארף מען רעדן א גאנצע יאר.

"טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף".. "תורת ה' תמימה".. - די אלע פסוקים, די אלע זיסע דיבורים, דאס איז דיבורים אויף א גאנץ יאר! ס'איז א דיבור בדעה - נישט נאר שמחת תורה נאר אויך אינמיטן יאר!

ווען מען זאגט אזעלכע דיבורים פלאנצט איין דער אויבערשטער פון דעם "אילנא דחיי דכלא אסוותא". **ווער עס וויל ממשיך זיין רפואות אין שטוב מיט ישועות בגשמיות ברוחניות, רפואות הנפש ורפואת הגוף: נאך א ליד! נאך א ניגון! נאך א טענצל! נאך א שמחה! - בפשיטות, אריינברענגען די שמחה. דאס האט דער רבי געוואלט.**

---

**כט.** ראה ליקו"מ תורה ע"ד.

# מחול וריקוד הרגלין ותיקוניו הנוראים

## ר' אברהם ב"ר נחמן'ס, ברענגט אין כוכבי אור סוף אמת ואמונה[ל] - דער רבי דערציילט דארטן (אנהויב די מעשה פון די 'זיבן בעטלערס') אז דער "בן מלך" איז

**ל.** עוֹד אָמַרְתִּי לְהַצִּיעַ לִפְנֵי הַמְעַיֵּן מַה שֶּׁנִּרְמָז לְפִי עֲנִיּוּת דַּעְתִּי בְּעִנְיַן הַבֶּן מֶלֶךְ שֶׁנָּפַל לְאֶפִּיקוֹרְסוּת הַמּוּבָא בִּתְחִלַּת הַמַּעֲשֶׂה שֶׁל הַשִּׁבְעָה בֶּעטְלֶערְס שֶׁסִּפֵּר אַדְמוֹ"ר זַ"ל. כִּי בְּכֹחוֹ וְעַנְוְתָנוּתוֹ שֶׁל אַדְמוֹ"ר זַ"ל גַּם אֲנִי נִשְׁעַנְתִּי לְהַכְנִיס אֶת רֹאשִׁי בְּדִבְרֵי תּוֹרוֹתָיו וְשִׂיחוֹתָיו וכו' [..] וְלָכֵן לוּלֵא דִּמְסְתַּפִינָא הָיִיתִי אוֹמֵר אַף־עַל־פִּי שֶׁלֹּא סִפֵּר אַדְמוֹ"ר זַ"ל אֶת כָּל הַמַּעֲשֶׂה שֶׁל הַבֶּעטְלֶיר הַשְּׁבִיעִי, אֲבָל הַסִּפּוּר הַזֶּה מֵהַבֶּן מֶלֶךְ זֶה בְּעַצְמוֹ הוּא קְצָת מֵהַסִּפּוּרִים הַנֶּעְלָמִים שֶׁל הַמַּעֲשֶׂה מֵהַבֶּעטְלִיר הַשְּׁבִיעִי (כִּי הָאֻמְנָם אֲשֶׁר לֹא יִתְגַּלּוּ עַד כְּנִיסַת הַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי בְּעַצְמוֹ, אֲבָל כְּפִי אֲשֶׁר בְּחֶמְלַת ה' כְּבָר אוֹרוֹ זָרַח לְהַשְׁמִיעַ גַּם לְאָזְנֵי מְגֻשָּׁמִים כָּמוֹנִי מֵהַדְּבָרִים הָרְשׁוּמִין וּסְתוּמִין בְּכֶתֶר עֶלְיוֹן כָּאֵלֶּה, מִלֵּאתִי אֶת לְבָבִי גַּם בְּעֹצֶם קָטְנִי וְשִׁפְלוּתִי מִתּוֹלַעַת וְרִמָּה (וְלֹא בִּלְשׁוֹן גֻּזְמָא וַעֲנִיּוּת) לְדַבֵּר מֵעִנְיָן זֶה) כִּי כְּפִי אֲשֶׁר יְסַפֵּר אַדְמוֹ"ר זַ"ל בְּעִנְיַן הִתְפָּאֲרוּתָם הַקָּדוֹשׁ שֶׁהֶעָקֹם בְּצַוָּארוֹ מְתַקֵּן בְּקוֹלוֹ דַּיְקָא אֶת הַזּוּג וְכוּ' וְהַבַּעַל חֲטוֹטָרוֹת מְתַקֵּן וּמַעֲלֶה בִּכְתֵפָיו דַּוְקָא אֶת אַנְשֵׁי הַכַּת וְכוּ' וְכֵן כֻּלָּם. [..] וּכְפִי הַמְבֹאָר בִּדְבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים בְּלִקּוּטֵי תִּנְיָנָא סִימָן פ"א שֶׁבְּרִקּוּד הָרַגְלִין מֵחֲמַת שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה (..) מַעֲלִין אֶת הָאֱמוּנָה עַיֵּן שָׁם. וּכְפִי הַנִּרְאֶה בְּכָל סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים שֶׁגָּמַר כָּל סִפּוּר הַמַּתְחִיל 'וַיְהִי הַיּוֹם' סוֹבֵב וְהוֹלֵךְ לְהַסִּפּוּר שֶׁמְּקֹדָּם.

**מִכָּל זֶה יֵשׁ לְרַמֵּז לְפִי עֲנִיּוּת דַּעְתִּי גַּם בְּהַמַּעֲשֶׂה הַזֹּאת שֶׁגָּמַר הַסִּפּוּר הַמַּתְחִיל 'וַיְהִי הַיּוֹם' שֶׁהוּא הַמַּעֲשֶׂה שֶׁל זֶה שֶׁבְּלֹא רַגְלַיִם סוֹבֵב וְהוֹלֵךְ לִגְמַר הַסִּפּוּר שֶׁמְּקֹדָּם, שֶׁהוּא הַמַּעֲשֶׂה שֶׁל הַבֶּן מֶלֶךְ שֶׁנָּפַל מֵהָאֱמוּנָה, שֶׁהַשְּׁנֵי דְּבָרִים הָאֵלֶּה לֹא גָּמַר אַדְמוֹ"ר זַ"ל כִּי זֶה וָזֶה סִפּוּר אֶחָד הוּא. כִּי זֶה שֶׁבְּלֹא יָדַיִם בְּנִגּוּן יָדָיו הַקְּדוֹשׁוֹת מְתַקֵּן וּמְרַפֵּא אֶת הַבַּת מַלְכָּה, וְזֶה שֶׁבְּלֹא רַגְלַיִם בְּמָחוֹל וְרִקּוּד רַגְלָיו הַקְּדוֹשִׁים מְתַקֵּן וּמַעֲלֶה אֶת הַבֶּן מֶלֶךְ שֶׁנָּפַל מֵהָאֱמוּנָה.**

וְזֶה כָּל הַמִּלְחָמָה עַתָּה (וּכְפִי הַמּוּבָן שֶׁגַּם מֵחֲמַת זֶה לֹא סִיֵּם אַדְמוֹ"ר זַ"ל) בְּעִקְ'בְ'וֹ'ת מְשִׁיחָא (שֶׁנִּשְׁמָתוֹ הִיא בְּחִינַת מַלְכוּת הַסְּפִירָה הַשְּׁבִיעִית כַּיָּדוּעַ, וְהוּא בְּחִינַת אֱמוּנָה וְעַל כֵּן זֶה לְעֻמַּת זֶה מִתְגַּבֵּר מִקֹּדֶם אֶפִּיקוֹרְסוּת כָּזֹאת.) אֲשֶׁר הָאֶפִּיקוֹרְסוּת יוֹרֵד מִן הַשָּׁמַיִם וְהוֹלֵךְ וּמִתְגַּבֵּר בְּכָל עֵת וָעֵת, וּמִמֵּילָא מִתְגַּבֵּר עַל־יְדֵי זֶה גַּם שְׁאָר כָּל הַחֲטָאִים וַעֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים. וְהַבֶּן מֶלֶךְ (שֶׁהֵם כְּלַל נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל שֶׁנִּקְרָאִים בְּנֵי מְלָכִים) מֵחֲמַת שֶׁנּוֹלַד עִם טוֹב (כִּי נִמְשְׁכוּ מִמַּחֲשָׁבָה עֶלְיוֹנָה דְּקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא) קוֹל דּוֹדִי דּוֹפֵק וְנוֹקֵשׁ בְּקִרְבּוֹ בְּכָל עֵת וָעֵת שֶׁעַל כֵּן הוּא זוֹכֵר אֶת עַצְמוֹ בְּכָל פַּעַם הֵיכָן אֲנִי בָּעוֹלָם וּמַה נַּעֲשֶׂה עִמִּי וְכוּ', אֲבָל תֵּכֶף וּמִיָּד כְּשֶׁמַּתְחִיל לְהִשְׁתַּמֵּשׁ עִם שִׂכְלוֹ חוֹזֵר וְנִתְחַזֵּק אֶצְלוֹ הַחָכְמוֹת שֶׁל אֶפִּיקוֹרְסוּת, וּבִשְׁבִיל זֶה הַסּוֹף שֶׁיָּרַד גַּם מִמַּלְכוּתוֹ וּמֶמְשַׁלְתּוֹ כַּמּוּבָן שָׁם כִּי מַלְכוּת

אריינגעפאלן אין אפיקורסות, דער רבי דערציילט נישט וואס איז געווען דער סוף.

זאגט ר' אברהם - ער האט א גאנצער הקדמה - שפעטער זאגט ער: **"אַף־עַל־פִּי שֶׁלֹּא סִפֵּר אַדְמוֹ"ר ז"ל אֶת כָּל הַמַּעֲשֶׂה שֶׁל הַבֶּעטְלֶיר הַשְּׁבִיעִי, אֲבָל הַסִּפּוּר הַזֶּה מֵהַבֶּן מֶלֶךְ** [דער ספור פון דעם בן המלך וואס דער רבי האט אנגעהויבן מיט דעם די מעשה] **זֶה בְּעַצְמוֹ הוּא קְצָת מֵהַסִּפּוּרִים הַנֶּעְלָמִים שֶׁל הַמַּעֲשֶׂה מֵהַבֶּעטְלִיר הַשְּׁבִיעִי"**. דער 'זיבעטער בעטלער' דאס איז דער תיקון! דאס איז דער תיקון פון דער בן מלך וואס איז אריינגעפאלן אין אפיקורסות!

זאגט ער: **"מִכָּל זֶה יֵשׁ לְרַמֵּז לְפִי עֲנִיּוּת דַּעְתִּי.. שֶׁהַמַּעֲשֶׂה שֶׁל זֶה שֶׁבְּלֹא רַגְלַיִם** [דער זיבטער בעטלער] **סוֹבֵב וְהוֹלֵךְ לִגְמַר הַסִּפּוּר שֶׁמִּקֹּדֶם, שֶׁהוּא הַמַּעֲשֶׂה שֶׁל הַבֶּן מֶלֶךְ שֶׁנָּפַל מֵהָאֱמוּנָה, שֶׁהַשְּׁנֵי דְּבָרִים הָאֵלֶּה לֹא גָּמַר אַדְמוֹ"ר ז"ל - כִּי זֶה וָזֶה סִפּוּר אֶחָד הוּא"**.

ביי די מעשה פון די בעטלערס האט דער רבי צוויי זאכן נישט ארויסגעענדיגט, דער רבי האט נישט געענדיגט וואס איז געווען דער המשך פון דער בן מלך וואס איז אריינגעפאלן אין אפיקורסות, און דער רבי דערציילט אויך נישט וואס איז געווען ביים זיבעטן טאג. זאגט דא ר' אברהם אז די צוויי זאכן איז איין זאך, 'זה וזה סיפור אחד הוא'.

---

הוּא בְּחִינַת אֱמוּנָה, וְהֵם תְּלוּיִים זֶה בָּזֶה כַּיָּדוּעַ. וְאָבִיו שֶׁל הַבֶּן מֶלֶךְ כְּשֶׁצָּפָה וְרָאָה כָּל זֶה הִזְהִיר אוֹתוֹ הָעִקָּר עַל שִׂמְחָה, שֶׁיִּתְחַזֵּק עַצְמוֹ בְּשִׂמְחָה גַּם בְּעֹמֶק נְפִילָתוֹ וִירִידָתוֹ מִמַּלְכוּתוֹ וֶאֱמוּנָתוֹ (שֶׁבָּזֶה כָּלוּל כָּל הַצָּרוֹת וְהַיִּסּוּרִים הָעוֹבְרִים בִּכְלָלִיּוּת וּבִפְרָטִיּוּת בְּגוּף וָנֶפֶשׁ), כִּי זֶה כָּל תִּקּוּנוֹ.

כִּי זֶה הוּא אִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא שֶׁיִּתְעוֹרֵר עָלָיו בְּיוֹתֵר וְיוֹתֵר שִׂמְחַת הַמָּחוֹל וְרִקּוּד הָרַגְלִין שֶׁל הַבֶּעטְלֶיר הַשְּׁבִיעִי, שֶׁעַל־יְדֵי זֶה בְּעַצְמוֹ יַחֲזֹר לְמַלְכוּתוֹ וֶאֱמוּנָתוֹ בְּיֶתֶר שְׂאֵת וְיֶתֶר עָז. (וְזֶה פֵּרוּשׁ 'עָתִיד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לַעֲשׂוֹת מָחוֹל לַצַּדִּיקִים לֶעָתִיד לָבוֹא וְכָל אֶחָד יֹאמַר זֶה ה' קִוִּינוּ לוֹ', הַיְנוּ שֶׁעַל יְדֵי הַמָּחוֹל שֶׁל הַבֶּעטְלִיר הַשְּׁבִיעִי יִתְתַּקֵּן הָאֱמוּנָה כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיִּהְיוּ רוֹאִין בָּעֵינַיִם מַמָּשׁ אֶת ה' בִּבְחִינַת זֶה ה' קִוִּינוּ לוֹ כַּמּוּבָא בְּלִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ס"ב בְּפֵרוּשׁ מַאֲמַר הַסָּבָא גּוּפָא טְמִירְתָּא וְגַלְיָא שֶׁאֵצֶל הַמַּאֲמִין הַדָּבָר כְּמוֹ שֶׁרוֹאֶה בְּעֵינָיו עַיֵּן שָׁם).

**"כִּי זֶה שֶׁבְּלֹא יָדַיִם בְּנִגּוּן יָדָיו הַקְּדוֹשׁוֹת מְתַקֵּן וּמְרַפֵּא אֶת הַבַּת מַלְכָּה".** פריער זאגט דער רבי פון דעם בעטלער אן הענט, "זה שבלא ידיו" - אז מיט די כח פון זיינע הענט זאגט ער "**און איך הייל זי**", מיטן ניגון, מיט די "עשרה מיני נגינה" וואס ער מאכט מיט זיינע הענט, וואס ער קען מאכן פון רוח סערה א ניגון און שטעלט אפ, מיט זיינע הענט שטעלט ער אפ, מאכט א ניגון, מאכט פון די רוח סערה א ניגון.. און מיט דעם איז ער מתקן ומרפא די בת מלך פון אלע פגמים.

**וְזֶה שֶׁבְּלֹא רַגְלַיִם בְּמָחוֹל וְרִקּוּד רַגְלָיו הַקְּדוֹשִׁים מְתַקֵּן וּמַעֲלֶה אֶת הַבֵּן מֶלֶךְ שֶׁנָּפַל מֵהָאֱמוּנָה".** מיט זיינע טענץ איז ער מתקן ומעלה דער בן מלך.

דער בעטלער אָן הענט, ער היילט אויס די בת מלך, וואס דאס איז מרמז אויף פגם הברית, היילט ער איר אויס מיט די עשרה מיני נגינה. און דער בעטלער אן פיס, וואס ער איז דער תיקון פון טאנצן, ער איז מתקן דעם בן מלך וואס איז אריינגעפאלן אין אפיקורסות. [קומט אויס:] דער תקון אויף פגם הברית איז ניגונים, עשרה מיני נגינה. און דער תקון אויף אפיקורסות איז טאנצן.

איז ר' אברהם ממשיך: "**וְזֶה כָּל הַמִּלְחָמָה עַתָּה בְּעִקְ'ב'וֹ'ת מְשִׁיחָא** [מאכט ער פינטאלאך אויף "עקבות", עקבות איז די פיס, עקבות, עקבות משיחא] **אֲשֶׁר הָאֶפִּיקוֹרְסוּת יוֹרֵד מִן הַשָּׁמַיִם וְהוֹלֵךְ וּמִתְגַּבֵּר בְּכָל עֵת וָעֵת, וּמִמֵּילָא מִתְגַּבֵּר עַל־יְדֵי זֶה גַּם שְׁאָר כָּל הַחֲטָאִים וַעֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים".**

**וְהַבֵּן מֶלֶךְ (שֶׁהֵם כְּלַל נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל שֶׁנִּקְרָאִים בְּנֵי מְלָכִים) מֵחֲמַת שֶׁנּוֹלַד עִם טוֹב** [ווי עס שטייט דארטן אין מעשה - איז דערפאר] **קוֹל דּוֹדִי דּוֹפֵק וְנוֹקֵשׁ בְּקִרְבּוֹ בְּכָל עֵת וָעֵת, שֶׁעַל כֵּן הוּא זוֹכֵר אֶת עַצְמוֹ בְּכָל פַּעַם הֵיכָן אֲנִי בָּעוֹלָם וּמַה נַּעֲשָׂה עִמִּי וְכוּ'** [ווי בין איך אין דער וועלט, וואס גייט איבער אויף מיר..]".

**אֲבָל תֵּכֶף וּמִיָּד כְּשֶׁמַּתְחִיל לְהִשְׁתַּמֵּשׁ עִם שִׂכְלוֹ חוֹזֵר וְנִתְחַזֵּק אֶצְלוֹ הַחָכְמוֹת שֶׁל אֶפִּיקוֹרְסוּת, וּבִשְׁבִיל זֶה הַסּוֹף שֶׁיָּרַד גַּם מִמַּלְכוּתוֹ וּמֶמְשַׁלְתּוֹ כַּמּוּבָן שָׁם. כִּי מַלְכוּת הוּא בְּחִינַת אֱמוּנָה, וְהֵם תְּלוּיִים זֶה בָּזֶה כַּיָּדוּעַ.**

**וְאָבִיו שֶׁל הַבֵּן מֶלֶךְ כְּשֶׁצָּפָה וְרָאָה כָּל זֶה** [דער טאטע האט אים געזאגט פארדעם: "איך זע אז דו וועסט אראפגיין פון די מלוכה" - אז וועסט אראפגיין פון די אמונה וועסטו אראפגיין פון די מלוכה] **הִזְהִיר אוֹתוֹ הָעִקָּר עַל שִׂמְחָה, שֶׁיִּתְחַזֵּק עַצְמוֹ בְּשִׂמְחָה גַּם בְּעֹמֶק נְפִילָתוֹ וִירִידָתוֹ מִמַּלְכוּתוֹ וֶאֱמוּנָתוֹ (שֶׁבָּזֶה כָּלוּל כָּל הַצָּרוֹת וְהַיִּסּוּרִים הָעוֹבְרִים בִּכְלָלִיּוּת וּבִפְרָטִיּוּת בְּגוּף וְנֶפֶשׁ).**

**כִּי זֶה כָּל תִּקּוּנוֹ** [אפילו ביסט אראפ פון די 'מלכות', ביסט אראפ פון די 'אמונה'; זאלסטו ווייטער זיין פריילאך]. **כִּי זֶה הוּא אִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא שֶׁיִּתְעוֹרֵר עָלָיו בְּיוֹתֵר וְיוֹתֵר שִׂמְחַת הַמָּחוֹל וְרִקּוּד הָרַגְלַיִן שֶׁל הַבֶּעטְלֶיר הַשְּׁבִיעִי** [דורך דעם וואס ער טאנצט מאכט ער א 'איתערותא דלתתא' זאל נתעורר ווערן אויף אים די שמחה פון דעם בעטלער אָן די פיס -] **שֶׁעַל־יְדֵי זֶה בְּעַצְמוֹ יַחֲזֹר לְמַלְכוּתוֹ וֶאֱמוּנָתוֹ בְּיֶתֶר שְׂאֵת וְיֶתֶר עֹז**"לא.

## האסט שוין געטאנצט היינט?

קומט אויס אז דורכן טאנצן איז מען זוכה צו פאררעכטן די אמונה, איז דאס איז דער כח פון טאנצן.

זאגט ער דא אז 'עקבתא דמשיחא' איז פשט, אז דער עיקר זאך וואס דער בעל דבר איז זיך מתגבר היינטיגע דורות איז צו צושטערן דעם טאנצן. און די רפואה איז דער טאנצן, דאס וואס מען שטארקט זיך צו טאנצן, יעדער איינער – **"אביסל איז אויך גוט"**.

---

**לא.** פירט ער דא אויס: "**וְזֶה פֵּרוּשׁ 'עָתִיד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לַעֲשׂוֹת מָחוֹל לַצַּדִּיקִים לֶעָתִיד לָבוֹא וְכָל אֶחָד יֹאמַר זֶה ה' קִוִּינוּ לוֹ', הַיְנוּ שֶׁעַל יְדֵי הַמָּחוֹל שֶׁל הַבֶּעטְלֶיר הַשְּׁבִיעִי יִתְתַּקֵּן הָאֱמוּנָה כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיִּהְיוּ רוֹאִין בָּעֵינַיִם מַמָּשׁ אֶת ה' בִּבְחִינַת זֶה ה' קִוִּינוּ לוֹ כַּמּוּבָא בְּלִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ס"ב בְּפֵרוּשׁ מַאֲמַר הַסָּבָא גּוּפָא טְמִירְתָּא וְגַלְיָא שֶׁאֵצֶל הַמַּאֲמִין הַדָּבָר כְּמוֹ שֶׁרוֹאֶה בְּעֵינָיו, עַיֵּן שָׁם** [אזוי ווי ס'שטייט אין תורה ס"ב אז "אצל המאמין הדבר כמו שרואים", מען וועט באקומען אזא אמונה אזוי ווי מען זעהט מיט די אויגן 'זה ה' קיונו לו']".

ר' נתן האט געזאגט 'אביסל איז אויך גוט' **אויפן ענין פון שמחה, אביסל איז אויך גוט! אביסל טאנצן, אביסל טאנצן! זיך מרגיל זיין**, מען דארף האבן א שייכות צו טאנצן.

ר' נתן האט געזאגט פאר איינעם: "**איך געב דיר ארויס א תשובה יעדן טאג טאנצן!**". איך געב דיר ארויס א תשובה, א תשובה, דרך התשובה; יעדן טאג טאנצן!

א מענטש זאל זיך פרעגן יעדן טאג: האסט שוין געטאנצט היינט? האסט שוין געטאנצט היינט? האסט געטאנצט אביסאלע? און אפשר טאנצסטו נאך אביסאלע?! - וואס וועט פאסירן אז וועסט נאך עפעס טאנצן, זיך ארייגברענגען אין די הייליגע עבודה וואס ר' אברהם רופט עס ביים אנהויב ששון ושמחה[לב] "**מצוות שאדם דש בעקבו**".

שוין, מען וועט שוין נישט מאריך זיין. דאס זענען די מצוות, דאס זענען די "מצוות שהאדם דש בעקבו", דער בעל דבר איז זיך מתגבר אויף דעם.

וואס מיר נעמען ארויס פון גאנצן ירח האיתנים, מיר האבן זוכה געווען צו "חדות ה' היא מעוזכם" - צו ממשיך זיין 'חדות ה' מעוזכם', זיין פרייליאך און פרייליאך.. און דורך דעם וועלן מיר זוכה זיין צו א זיסע פרייליכע יאר, ממתיק זיין אלע דינים, און זוכה זיין צו א שנת גאולה וישועה!

---

**לב.** שו"ש תפילה ג: נִרְאֶה לְפִי עֲנִיּוּת דַּעְתִּי שֶׁבָּזֶה מְכֻוָּן הַפֵּרוּשׁ בְּדֶרֶךְ סוֹד שֶׁמְּפָרֵשׁ אַדְמוֹ"ר זַ"ל אֶת הַפָּסוּק "וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן" שֶׁמְּרַמֵּז עַל שִׂמְחָה וְרִקּוּדִין, וּלְהַפֵּרוּשׁ בְּדֶרֶךְ פָּשׁוּט וּדְרָשׁ הַמּוּבָא בְּרַשִׁ"י זַ"ל שֶׁמְּרַמֵּז עַל הַמִּצְוֹת שֶׁאָדָם דָּשׁ בְּעָקֵב, וְהִיא הִיא, **כִּי אֵין לְךָ מִצְוָה שֶׁאָדָם דָּשׁ בְּעָקֵב כְּמוֹ מִצְוַת הַשִּׂמְחָה וְהָרִקּוּדִין**.

בסייעתא דשמיא

# עִקַּר הָרוּחַ חַיִּים מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק

עשרות קוראים מקבלים חיות חדשה בעבודת ה' בדרכו של רביה"ק, בקונטרסי "רוחא דחיי" היוצאים לאור מדי שבועיים, משיעורי הרה"ח ר' חיים בנימין ורטהיימר ז"ל




חסיד ברסלבי!

# קח שותפות קבועה בעסק קדוש זה!

ויהיה לך חלק בזיכוי הרבים הגדול בהארת דעתו של רביה"ק בעולם

**לתרומות:** נדרים פלוס/ נדרים פון **מספר קרן 6491 או** בקו רוחא דחיי **023024743 שלוחה 1<9**